בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיךְ הֶעלְפְן

מְחַזֵק אוּן גֶעבְּט פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִינֶעם הַיינְטִיגְן שְׁוֶוערְן דוֹר; אוֹיךְ וִוי אַזוֹי מֶען וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר רֶבִּי.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

הִילוּלַת רַבֵּינוּ זַ"ל, ב' דְחוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת

י"ח תִּשְׁרֵי תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נְיוּ יָארְק יצ"ו

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיךְ הֶעלְפְֿן

## א.

### וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען

וִוי בַּאקַאנְט פְּלֶעגְט דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֵיין פוּן צַייט צוּ צַייט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין וַואלְד, אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן בּוֹים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן זַיין קָאפּ אִינֶעם בּוֹים אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט, צוּ דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער פוּן דִי

תַּלְמִידִים וָואס דָאס בַּאַדַייט, הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב עֶרְקְלֶערְט: ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִישְׁט ווֵיינֶען וֶוען אִיךְ זֶעה אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער אֱמֶת וֶועט זַיין אִינְגַאנְצְן פַארְדֶעקְט, אוּן דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וֶועט לֵיידֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזוֹיפִיל פַאלְטְשֶׁע רֶבִּי״ס ווִיפִיל בְּלֶעטְלֶעךְ אוּן צְוֵוייגְלֶעךְ עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם בּוֹים.

## קְרִיכְן אוֹיף דִי גְרָאדֶע וֶוענְט

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט (זְהַב הַמְּנוֹרָה לְהָרֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֵרֶךְ עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא) אַז דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַלֶעס וֶוערְן בַּאהַאלְטְן, אוּן מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זֶעהן קֵיין מוֹפְתִים, מֶען וֶועט זִיךְ מוּזְן דֶערְהַאלְטְן בְּלוֹיז מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה...! דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָנִים לה; רכ), אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָיוֹן וֶועט זַיין אוֹיף דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה, אַז אַ אִיד זָאל פָּשׁוּט גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: וואוֹיל אִיז דֶער וָואס וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶעמָאלְטְס דֶערְהַאלְטְן אִין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה; צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט (עַיֵין סֵפֶר עַל הַגְאוּלָה וְעַל הַתְּמוּרָה סִימָן פו): פוּנְקְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ קְרִיכְן אוֹיף גְרָאדֶע וֶוענְט, אַזוֹי שְׁוֶוער וֶועט זַיין זִיךְ אָנְצוּהַאלְטְן אִין דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.

## אַחְדוּת אַ עֵצָה אִינֶעם גָלוּת

פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן צַדִיקִים גֶעזָאגְט (סֵפֶר דִבְרֵי מְנַחֵם, וְעוֹד), אַז דֶעמָאלְטְס וֶועלְן זִיךְ אִידְן קֶענֶען

דֶערְהַאלְטְן נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם אוּן רֶעדְן פוּן צַדִיקִים. מִיר גֶעפוּנֶען (רַשִׁ״י בְּרֵאשִׁית מט-א, מִבְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צח, סִימָן ב) וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וָואס עֶס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, הָאט זִיךְ דִי שְׁכִינָה אָפְּגֶעטוּהן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַנְדֶערֶע זַאכְן; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקוּטֵי הַלָכוֹת, תִּשְׁעָה בְּאָב וְתַעֲנִיּוֹת הַלָכָה ד, אוֹת יג; עַיֵין עוֹד פְּרִיָה וּרְבִיָה הֲלָכָה ה, אוֹת ד) אַז מִיט דִי וֶוערְטֶער אַלֵיין וָואס עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זָאגְן (בְּרֵאשִׁית מט, א-ב): הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָמִים; הִקָבְצוּ וְשִׁמְעוּ וְגוֹ׳. הָאט עֶר זֵיי שׁוֹין מְרַמֵז גֶעוֶוען דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי אִידְן וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט זִיךְ צַאמְקוּמֶען אוּן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן. מֶען זֶעהט אָבֶער אַז אַ

דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם, טוט אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַבִּי עֶס זָאל זַיין מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן צְוִוישְׁן אִידְן, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צַאמְקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַלֶע מַחְלוֹקֶת׳ער אוּן קְרִיגֶערַייעֶן אִיז בְּלוֹיז לְשֵׁם שָׁמַיִם...!

## נִיאוּף מִיט מַחְלוֹקֶת גֵייעֶן צוּזַאמֶען

אוּן דָאס אִיז דִי קְלִיפָּה פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג טָמֵא אִין תַּאֲווֹת נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶערְפַאר שְׁטֵייט בַּיי אִים (בַּמִדְבָּר כג, ג): וַיֵּלֶךְ שֶׁפִי - עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אֵיינֶער אַלֵיין (עַיֵּין בְּתַּרְגּוּם); דִי גַאנְצֶע טָמֵא׳נֶע כַּוָונָה פוּן בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט זִיךְ צַאמְקוּמֶען מִיט נָאךְ אִידְן, בִּלְעָם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען אִידְן קוּמֶען זִיךְ צַאם, דֶערְפַאר הָאט עֶר פַאר בָּלָק אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה מֶען זָאל מַכְשִׁיל זַיין דִי אִידְן

מִיט זִמָּה און נִיאוּף (בַּמִּדְבָּר כד, יד; וְעַיֵּין בְּרַשִׁ"י), כְּדֵי עֶס זָאל זַיין פֵּירוּדִים צְווישְׁן אִידְן, וַוייל וֶוען אֵיינֶער לִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין תַּאֲווֹת נִיאוּף זוּכְט עֶר נָאר ווִי מֶען קֶען אָנְמַאכְן עֶפֶּעס אַ מַחְלוֹקֶת, אַבִּי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין אַחְדוּת צְווישְׁן אִידְן.

## אֵיין סוּכָּה פַאר אַלֶע אִידְן

בַּיי דִי קְדוֹשָׁה גֶעפוּנֶען מִיר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל קֶען אַריינְגֵיין אִין אֵיין סוּכָּה יוֹצֵא צוּ זַיין מִצְוַת סוּכָּה (סוּכָּה כז ע"ב). אַז מֶען זָאל אַרַיינְטְרַאכְטְן אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל הָאבְּן פְּלַאץ אִין אֵיין סוּכָּה, אַ סוּכָּה אִיז דָאךְ בַּאגְרֶענִיצְט, ווִי אַזוֹי קֶען דָארְט אַרַיינְגֵיין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל?!

## קְדוּשָׁה מִיט שָׁלוֹם גֵייעֶן צוּזַאמֶען

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַ"ם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (שׁוּ"ת חֲתַ"ם סוֹפֵר, יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רלד), אַז וואוּ עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה אוּן מֶען לֶערְנְט דָארְט תּוֹרָה נָאר פַאְרְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס וֶועגְן, אַנְטְלוֹיפְט דִי סִטְרָא אַחְרָא, וָואס דַאן קֶען אֲפִילוּ אִין אַ קְלֵיינֶע פְּלַאץ אַרַיינְגֵיין אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן... פִירְט עֶר אוֹיס: מִיר הָאבְּן עֶס אַלֵיין גֶעזֶעהן מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן וִוי גָאר אַ קְלֵיין פְּלַאץ הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. לוֹיט וִוי זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן עֵדוּת גֶעזָאגְט אִיז דָאס גֶעוֶוען בַּיי אִים אַלֵיין (עַיֵין דְרָשׁוֹת לֶחֶם שְׁלֹמֹה לְשִׂמְחַת תּוֹרָה), אִין דִי שְׁטוּבּ וואוּ עֶר פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען דֶעם שִׁיעוּר אִיז בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל דָארְט אַרַיינְגֵיין אַזוֹיפִיל

מֶענְטְשְׁן [עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין יְשִׁיבָה פִיר הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים], דָאךְ אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט פְּלַאץ פַאר יֶעדֶעם אֵיינֶעם, וַוייל מֶען הָאט דָארְט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, חַזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (בְּרָכוֹת ו' ע"א): דָאס וָואס מֶען שְׁטוּפְּט זִיךְ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי צַדִּיקִים אִין יְשִׁיבָה, קוּמְט פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן סִטְרָא אַחְרָא. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁלִיחִים וָואס זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז אֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פַארְטְרָאגְן מִיטְן אַנְדֶערְן אוּן אֵיינֶער זָאל שְׁטִיפְּן דֶעם אַנְדֶערְן, אָבֶער וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט אֵיין כַּוָונָה אַז מֶען וִויל נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָארְט וֶוערְן אַלֶע קְלִיפּוֹת אִינְגַאנְצְן בָּטֵל אוּן עֶס אִיז דָא פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

## ס'אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן

דֶערִיבֶּער וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַחְדוּת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל רוּאִיג קֶענֶען זִיצְן אִין אֵיין סוּכָּה, מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁטִיפְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן עֶס וֶועט זַיין גֶענוּג פְּלַאץ.

## צוּזַאמֶען בַּיים צַדִיק

בַּיי דִי מִצְוָה פוּן נֶעמֶען דִי פִיר מִינִים סוּכּוֹת, זֶעהט מֶען אוֹיךְ ווִי אַזוֹי כְּלַל יִשְׂרָאֵל דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען בַּיי אַ צַדִיק, דִי לוּלָב אִיז מְרַמֵז אוֹיפְן צַדִיק, לוּלָב אִיז דִי וֶוערְטֶער לוֹ-לֵב, עֶר הָאט אֵיין הַארְץ צוּם טַאטְן אִין הִימְל (בְּרָכוֹת נז ע״א; סוּכָּה מה ע״ב), דֶער אֶמֶת'עֶר צַדִיק קוּקְט אַרוֹיף מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; צוּם לוּלָב דַארְף מֶען צוּלֵייגְן

דִי אֶתְרוֹג מִיט דִי הֲדַסִים אוּן עֲרָבוֹת, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן זֵיי צַדִיקִים בֵּינוֹנִים אוּן רְשָׁעִים, דִי אֶתְרוֹג אִיז קֶעגְן דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אַ רֵיחַ אוּן אַ טַעַם, דִי הֲדַסִים אִיז אַקֶעגְן דִי בֵּינוֹנִים וָואס הָאבְּן אַ רֵיחַ אוּן נִישְׁט קַיין טַעַם, דִי עֲרָבוֹת אִיז אַקֶעגְן דִי רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין רֵיחַ אוּן נִישְׁט קַיין טַעַם; אַלֶע דַארְפְן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֱמֶת׳ען צַדִיק וָואס הָאט נָאר אֵיין הַארְץ צוּ אָבִינוּ שֶׁבַּשָׁמַיִם.

## פַארְוָואס זָאל דָאס נִישְׁט יֶעדֶער שְׁפִּירְן!

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער צִיל פוּן אַ צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּזַאם צוּנֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז יֶעדֶער זָאל שׁוֹין נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (רַעְיָא מְהֵימְנָא פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא), אַז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען, אַז זַיין גַאנְץ

לֶעבְּן אִיז עֶר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיין בֶּענְקֶענִיש, "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁפִּיר אִים". מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַזוֹי קְלָאר גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים (שְׁמוֹת לג, יא; דְבָרִים לד, י), אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַלֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן אָפֶען אוּן קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא. אָבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא אַזַאלֶעכֶע צַדִיקִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶער שְׁטְרֶעבּוּנְג אִיז נָאר וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין יֶעדֶענְס הַארְץ.

## ב.

## די וֶועג אַרויס פון גָלות

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז): דֶער גָלוּת וָואס מִיר לַיידְן קוּמְט נָאר וַוייל עֶס פֶעלְט אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי אִים קַיין גָלוּת, וואוּ עֶר גֵייט און וואוּ עֶר שְׁטֵייט דָארְטְן אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, און דָארְטְן אִיז אִים גוּט, אָבֶער חָלִילָה וְחַס אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער דֶעמָאלְטְס פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מוֹרָא'דִיגְן גָלוּת, און אֲפִילוּ אַז מֶען זִיצְט אִין אַ בַּאקְוֶועמֶע שְׁטוּב אִינְדֶערְהֵיים טְרֶעפְט מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ, מֶען פִילְט זִיךְ אַלֵיין און אוּמֶעטִיג, מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם נָע וְנָד אַהֶער און אַהִין, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן, און דֶער לֶעבְן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, שְׁמוּעֶס מִיט אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפִילְט אַלֵיין אוּן פַארְלוֹירְן, נָאר עֶר וָואלְט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער ווִיבַּאלְד דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים אָפְּגֶעקִילְט דֶערִיבֶּער אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב), תְּפִלָּה מִיט אֱמוּנָה גֵייעֶן צוּזַאמֶען, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, רֶעדְט עֶר מִיט אִים אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ.

## בֶּעטְן וָואס מֶען דַארְף אִיז דֶער עִיקָר תְּפִלָּה

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכט): בֶּאֱמֶת פַאר דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה הָאבְּן מְסַדֵר גֶעוֶוען

דִי דְרֵייִ תְּפִלּוֹת פוּן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר תְּפִלָּה אַז וֶוען אַ אִיד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט הָאבְּן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, אוּן אַזוֹי מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה (עַיֵין תַּעֲנִית דַף ב ע"א), נָאר וִויבַּאלְד דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶער גָלוּת, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט מְסַדֵר זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע תְּפִלָּה פַאר יֶעדְן צוּגְלַייךְ וֶועט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי דְרֵייִ תְּפִלּוֹת (רַמְבַּ"ם תְּחִלַּת הִלְכוֹת תְּפִלָּה), וָואס דָאס דֶערְהַאלְט אוּנְז בְּמֶשֶׁךְ דֶעם לַאנְגְן גָלוּת. אַ אִיד וֵוייסְט שְׁטֶענְדִיג אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי דַארְף עֶר דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, נָאכְמִיטָאג - דַארְף עֶר לוֹיפְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיינַאכְט וֵוייסְט עֶר אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף עֶר דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

## דורךְ שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אַ אִיד

אָבֶּער אַקֶעגְן דֶעם אִיז דָא אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְלִיפָּה פוּן עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וָואס עֶר וִויל נָאר אַז אִידְן זָאלְן נִישְׁט דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, עֶר קוּמְט צוּ גֵיין מִיט אַ גְרוֹיסֶע בַּארְג פוּן דְרַיי פַּרְסָאוֹת אַרוֹיף צוּ וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן (בְּרָכוֹת נד ע״ב), דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְש זָאל שְׁפִּירְן וִוי עֶס פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ גְרוֹיסֶע בַּארְג וֶוען עֶר דַארְף דַאוֶונֶען, סַיי צוּפְרִי בַּיי שַׁחֲרִית, אוּן אַוַודַאי בַּיי מִנְחָה וֶוען מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט [בִּפְרַט אִין דִי וִוינְטֶער חֲדָשִׁים], וָואס דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע תְּפִלַּת הַמִנְחָה אַזוֹי חָשׁוּב, אוּן מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף ו׳ ע״ב): אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא אִיז נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן נָאר בַּיי תְּפִלַּת מִנְחָה; וַוייל אִין הִימְל אִיז זַייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ

מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְחַזֵק אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ שְׁטֶעל אַוֶועק דַאוֶונֶען פַארְן בַּאשֶׁעפֶער; נָאכְדֶעם מַעֲרִיב, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט, קוּמְט דָאךְ אַוַודַאי אָן שְׁוֶוער צוּ דַאוֶונֶען. וֶועגְן דֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט עוֹג אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ זִיסְקֵייט אִינֶעם דַאוֶונֶען, דָאס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, וַוייל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אִיז דֶער עִיקָר וָואס הַאלְט אַ אִיד בַּיי אִידִישְׁקֵייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח).

## שְׁנַייד נִישְׁט פוּנֶעם דַאוֶונֶען

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען פַאנְגְט אָן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז דוּרְכְדֶעם וָואס דָאס דַאוֶונֶען וֶוערְט בִּילִיג בַּיים מֶענְטְשׁ, קוֹדֶם פִילְט עֶר

נִישְׁט פַּאר וִויכְטִיג צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דֶערְנָאךְ הֵייבְּט עֶר אָן שְׁנַיידְן פוּנֶעם דַאוֶוענֶען זֶעלְבְּסְט, "קָרְבָּנוֹת אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג פַּאר מִיר", אוּן עֶר פַּאנְגְט גְלַייךְ אָן פוּן 'בָּרוּךְ שֶׁאָמַר', אָדֶער זָאגְט עֶר שׁוֹין לְכַתְּחִילָה נָאר אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, קְרִיאַת שְׁמַע, שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן פֶערְטִיג, אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אָן צוּ צִיפְּן דָאס דַאוֶוענֶען פוּן פָאָרְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, בַּיי מִנְחָה מַאכְט עֶר זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין דַאוֶוענֶען בַּיי מַעֲרִיב צְוֵויי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה'ס, אוּן אַזוֹי לָאזְט מֶען לֵיידֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אָפּ דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת.

## דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה און נָאךְ יְשׁוּעוֹת

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף ח ע"א): בִּשְׁעַת מֶען דַאוְוענְט בְּצִבּוּר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער עֵת רָצוֹן דִי תְּפִלּוֹת זָאלְן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן. ווִידֶער זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם דַף ו ע"ב): אַז אֵיינֶער קוּמְט שְׁטֶענְדִיג דַאוְוענֶען אִין שׁוּל און אֵיין טָאג אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען, פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ: וואוּ אִיז עֶר? פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען? וֶוערְט מֶען דָאךְ גֶעוואוֹיר אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, גֵייט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין אִים בַּאזוּכְן און שִׁיקְט אִים אַ רְפוּאָה, אָדֶער אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג פַארְנוּמֶען בַּיים דָאקְטֶער אָדֶער צוּלִיבּ פַּרְנָסָה, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גְלַייךְ: אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן וָואס עֶס פֶעלְט אִים! קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִזְהָר צוּ

דַאוֶועןְעֶן מִיט מִנְיָן וֶועט עֶר הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן (= גֶעלְט), וַוייל עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי הַשְׁגָחָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאךְ הֶעכֶער

קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן שָׁם) אוּן לֶערְנְט אוּנְז, אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶער שְׁלֵימוּת פוּן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, אַז אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אַז וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט רֶעדְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט זַיין אֵייגֶעןֶעם שְׁפְּרַאךְ, [דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס לָשׁוֹן "הִתְבּוֹדְדוּת"], דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנד): דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵיגָה אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט אוֹיף אִידִישׁ.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן אִים נָאךְ צַדִיקִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק).

## ג.

## דִי אַרְבֶּעט פוּן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא

שְׁטֵייעֶנְדִיג אִין דִי אוּשְׁפִּיזָא פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס גֶעפַּאלְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיס אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הִילוּלָא, אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן אַז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה פוּן הִימְל אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וַוייטֶער בִּיז צוּ אוּנְזֶער דוֹר, אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת א, א): מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ

וִיהוֹשֻׁעַ לִזְקֵנִים וְכוּ׳. און אַזוֹי וֵוייסְן מִיר בִּיז הַיינְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אִינֶעם גְרֶעסְטְן פוּנְסְטֶערְנִיש אִיז אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער

דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יח): וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קטו), ״וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק״ - דִי פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעפַאלְן און טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵיי שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ, וֶוער דַארְף מִיךְ דֶען הָאבְּן? אִיךְ לַייד דָאךְ אַזֶעלֶעכֶע צָרוֹת! גֶעבּ אַ קוּק וואוּ אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן! עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אַזַא מִין אוּמְגְלִיק! - דֶער מִיט קִינְדֶער, דֶער מִיט פַּרְנָסָה, דֶער מִיט גֶעזוּנְט, יֶעדֶער מִיט זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת; אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת הָאט מֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִין אֱמוּנָה, אִין קְדוּשָׁה

וְטָהֳרָה, מִיט אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זֶענֶען אַלֶע אִין דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער, דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט אַ מֶענְטְשׁ פוּנְדֶערְוַוייטֶענְס, עֶר מֵיינְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אָבֶּער "וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל" - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין אִין יֶעדֶע אִיד, אַז אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר אַז עֶס אִיז פַארְנֶעפֶּעלְט, עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן פוּנְסְטֶער, דוּ וֶועסְט שׁוֹין פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, זָאלְסְטוּ ווִיסְן "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אֲפִילוּ אִין דִי גְרֶעסְטֶע נֶעפְּל אִיז דָארְטְן אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ אִין דִי מִידַת הַדִין אִיז אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעס קֶען וֶוערְן גוּט.

## דִי אַרְבֶּעט פון צַאמְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער

ווִידֶערְאוּם אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין שָׁלוֹם, מְקַרֵב צוּ זַיין אִידְן אוּן בַּאהֶעפְטְן אֵיין אִיד צוּם אַנְדֶערְן, צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל פַּארְצֵיילְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי מַלְאָכִי ב, רֶמֶז תקפח): וֶוען אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעזֶעהן אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ צוּקְרִיגְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶער פוּן זֵיי, אוּן אִים גֶעזָאגְט: דוּ וֵוייסְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז יֶענֶער הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַז עֶר הָאט דִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר וֵוייסְט נָאר נִישְׁט ווִי אַזוֹי דִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן, אוּן עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִיר, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם אַנְדֶערְן, אוּן אִים אוֹיךְ גֶעזָאגְט ווִי שְׁטַארְק יֶענֶער הָאט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ גְלַייךְ

צַאמְגֶעקוּשְט, אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַאפְט.

## צְוֵויי עֶרְלֵיי עֲבוֹדוֹת

אוּן דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי עֲבוֹדוֹת, דִי עֲבוֹדָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען כִּבְיָכוֹל דִי שְׁכִינָה צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוּנְטְן, אוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט בַּיי אִים (בַּמִדְבָּר ח, ב): בְּהַעֲלוֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת - וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְצִינְדְן דִי לֶעכְט; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ, כז): נֵר הֲוָיָ״ה נִשְׁמַת אָדָם. יֶעדֶע אִיד אִיז אַ לֶעכְט, אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן יֶעדֶע אִיד, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט שָׁלוֹם אוּן מְקָרֵב גֶעוֶוען אֵיין אִיד צוּם אַנְדֶערְן, אוּן גֶעמַאכְט

שָׁלום בַּיִת, וַוייל ווי נָאר אִידְן זֶענֶען נָאנְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן קֶען מֶען אַרוֹיפְגֵיין הֶעכֶער און הֶעכֶער.

## די בִּיטֶערֶע מַחְלוֹקֶת אַקֶעגְן דֶעם

אָבֶער וְויבַּאלְד דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט נָאר אַז עֶס זָאל זַיין פֵּירוּדִים און מַחְלוֹקֶת, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ רִיזִיגֶע מַחְלוֹקֶת דוּרְךְ קֹרַח מִיט צְוֵויי הוּנְדֶערְט און פוּפְצִיג רָאשֵׁי סַנְהֶדְרָאוֹת, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה און אַהֲרֹן, [שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז הַיינְט זָאלְן אֲפִילוּ נָאר פוּנֶעף רַבָּנִים חַתְמֶ'נֶען אַקֶעגְן אֵיינֶעם וָואלְט מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ צֶען אָדֶער צְוָואנְצִיג גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן חַתְמֶ'נֶען אִיז דָאךְ עֶס אַוַודַאי קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, בִּשְׁעַת אוֹיף מֹשֶׁה און אַהֲרֹן הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי גְרֶעסְטֶע פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען צְוֵויי הוּנְדֶערְט און פוּפְצִיג חֲתִימוֹת...!] און וָואס אִיז

גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת? זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רִירְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי שְׁכִינָה, דָאךְ זֶעהט מֶען פְּלוּצְלִינְג וִוי עֶר הָאט צוּטוּהְן מִיט פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן דָא אוּנְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט דִין תּוֹרוֹת מִיט בִּיזְנֶעס מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַלֶע עֶרְלֵיי הִינְזִיכְטְן, אוּן עֶר דַארְף אוֹיסְגְלַייכְן דִי טַעֲנֶה׳רַייעֶן פוּן גַאסְן מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין "מִן הָהָר אֶל הָעָם" - פוּנֶעם בַּארְג גְלַייךְ צוּם פָאלְק? אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זַיין דָא אוּנְטְן אוּן הָאבְּן צוּטוּהְן מִיט פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן אוּן פָּשׁוּטֶ׳ע זַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט?!

## בִּיסְטוּ אוֹיבְן אָדֶער אוּנְטְן?

דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ אִין תְּהִלִּים (קַאפִּיטְל קו, טז): וַיְקַנְאוּ לְמשֶׁה בַּמַּחֲנֶה, לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה׳; דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן גֶע׳טַעְנֶה׳ט: אוֹיבּ אִיז ׳מֹשֶׁה׳ דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין ״בַּמַּחֲנֶה״, אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ דָא אִין מַחֲנֶה צְוִוישְׁן אַלֶע אִידְן?! בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי טַעֲנָה פוּן יִתְרוֹ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: ״נָבֹל תִּבֹּל״, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן אַזַא סָארְט וֶועג, פוּן אֵיין זַייט זַיין אוֹיבְן דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זַיין דָא אוּנְטְן צוּזַאמֶען מִיטְן עוֹלָם אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, אָדֶער בִּיסְטוּ אוֹיבְן אָדֶער בִּיסְטוּ אוּנְטְן.

## מַאכְן שָׁלוֹם-בַּיִת אוּן דֶערְנָאךְ אַרַיינְגֵיין אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים?

ווִידֶער בַּיי אַהֲרֹן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ פַּארְקֶערְטֶע טַעֲנָה: אוֹיב בִּיסְטוּ "אַהֲרֹן" וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּטוּהְן מִיט מֶענְטְשְׁן דָא אוּנְטְן, דוּ לוֹיפְּסְט אַרוּם מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וָואס צוּ דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּלָאזְן, אוֹיסְהֶערְן דֶעם מַאנְ'ס טַעֲנוֹת אוּן דִי פְרוֹי'ס טַעֲנוֹת, זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי אַנְגֶענֶעם אוּן בַּאקְוֶועם וְכוּ', וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ נָאכְדֶעם זַיין דֶער "קְדוֹשׁ הַשֵּׁם" אוּן אַרַיינְגֵיין לִפְנַי וְלִפְנִים אִינֶעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים?! זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם.

## יָא דֶער צַדִיק קֶען בַּאוַוייזְן בֵּיידֶע

אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סח), אַז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק אִיז, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז אוֹיבְן, עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאךְ אִיז עֶר אוֹיךְ דָא אוּנְטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז אוּנְטְן אוּן בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט זַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט, דָאךְ אִיז עֶר דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער; וַוייל אַ צַדִיק אִיז דֶער וָואס הָאט בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, פוּן אֵיין זַייט אִיז זַיין גַאנְצֶער מַחְשָׁבָה צוּגֶעקְלֶעבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר אִיז יֶעדֶע רֶגַע גְרֵייט אוֹיסְצוּגֵיין פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אָבֶער צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר מוּז אוֹיסְהֶערְן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶעדֶער

מוּז זַיין גֶערֶעכְט, אוּן צוּ יֶעדֶען דַארְף עֶר שְׁמֵייכְלֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן צַדִיק.

## ד.

## יֶעצְט אִיז דֶער צַדִיק נָאךְ מֶער דָא מִיט אוּנְז

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים לד, א), אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם בַּארְג נְבוֹ; זָאגְט דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ (סֵפֶר הַלִיקוּטִים פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַן): נְבוֹ אִיז דִי וֶוערְטֶער נ׳ בּוֹ, דֶעמָאלְטְס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שַׁעַר הַנוּ״ן, עֶר הָאט מַשִׂיג גֶעוֶוען אַלֶע פוּפְצִיג שַׁעֲרֵי בִּינָה. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁאֵלָה, דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דָאךְ אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז דִי אוֹיפְטוּ אַז מֹשֶׁה אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען?! נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הִסְתַּלְקוּת פוּנֶעם צַדִיק וָואס דֶעמָאלְטְס גֵייט עֶר אַרוֹיס

פוּן זַיין גוּף, אוּן אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט זַיין גוּף אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט בַּאגְרֶענִיצְט אִין קֵיין שׁוּם פְּלַאץ, נָאר עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִיבֶּערָאל אוֹיף דֶער וֶועלְט אַסַאךְ מֶער וִוי בַּיים לֶעבְּן (זֹהַר פַּרְשַׁת אַחֲרֵי דַף עא ע״ב), בִּפְרַט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם צַדִיק, מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּנֶעם צַדִיק אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע לִימוּדִים, דָארְט אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דֶעם צַדִיק.

## דֶער רֶבִּי אִיז דָא מִיט אוּנְז

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז פַאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה, אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן קפז): אוֹיבּ וֶועט אִיר זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען וֶועט אִיר מִיךְ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ. וִוי אוֹיךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר שְׁפֶּעטֶער אִין אוּמַאן פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט

בְּפֵירוּשׁ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קצז): אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן עֶנְק!

## דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען דָא

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, וִוי אַזוֹי בְּלַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צְוִוישְׁן אוּנְז? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה): אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְן צַדִיק אוּן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, בַּיי אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דֶער צַדִיק. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (דְבָרִים לא, א): "וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה" - אֲפִילוּ וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שׁוֹין אַוֶועק, דָאךְ אָבֶּער "וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל" - זַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן דָא אוּנְטְן מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל; וַוייל אִידְן לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָא מִיט אוּנְז.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאלְן רֶעדְן פוּן אִים אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן אִים (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רט); אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ צַדִיקִים גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן צַדִיקִים אוּן זִיךְ הַאלְטְן מִיט צַדִיקִים, דָאס וֶועט דֶערְהַאלְטְן דִי אִידְן אִין דֶעם שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן גָלוּת.

## ה.

## ווִי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוער אִיז אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד?!

אָבֶּער צוּ ווִיסְן וֶוער עֶס זֶענֶען דִי אֱמֶת'עֶ צַדִיקִים צוּ וֶועם מֶען זָאל זִיךְ צוּקֶלֶעבְּן אוּן פוּן וֶועם מֶען זָאל רֶעדְן, דַארְף מֶען אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא, וַוייל אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר אָפְּנַארְן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַזוֹי גֶעוֵויינְט, אַז פַאר מָשִׁיחַ

וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אָפְּנַארְן מֶענְטְשְׁן מִיט אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת אוּן זֵיי פַארְפִירְן אִין בְּלָאטֶע אַרַיין, דָאךְ קֶענֶען מִיר פוּן דִי תּוֹרָה הָאבְּן אַ שְׁטִיקְל בְּלִיק וָואס הֵייסְט אַ צַדִיק, מִיר גֶעפוּנֶען (שׁוֹפְטִים יא, א) אַז יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי אִיז גֶעקוּמֶען פוּן גָאר אַ פָּשׁוּטֶע שְׁטוּב, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן זָאגְן חַזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כה ע"ב), אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס וִוי שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אִין זַיין צַייט. אוֹיף שְׁמוּאֵל זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת לא ע"ב) אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן. וִוי אַזוֹי קֶען טַאקֶע זַיין אַז שְׁמוּאֵל זָאל זַיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן ? ! נָאר עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-א פֶּרֶק ז) : וַיִזְעַק שְׁמוּאֵל אֶל ה' - שְׁמוּאֵל הַנָבִיא הָאט אַ גַאנְצֶע נַאכְט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבֶּעטְן רַחֲמִים פוּן בַּאשֶׁעפֶער. עֶר הָאט גֶעוִויזְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ בַּיי יִפְתָּח, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעלִיטְן גֶעפֶערְלִיכֶע צָרוֹת פוּן דִי גוֹיִם,

זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ יִפְתָּח עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן אוּן וֶוערְן זֵייעֶר הוֹיפְּט, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט (שוֹפְטִים יא, יא), אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵייט עֶר זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס צוּ טוּהן.

## דָאס מֵיינְט אַ צַדִיק

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אִיז דָא אַ מַנְהִיג וָואס אִיז אַזוֹי דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז נִישְׁט נָאר עֶר אַלֵיין רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער נָאר עֶר בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין נָאךְ אִידְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶר קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַלֶע נִידְרִיגֶע נְשָׁמוֹת אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְמַאכְן דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס אַ קְלָארֶע סִימָן אַז עֶר אִיז אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַן אֱמֶת׳עֶר מַנְהִיג, אוּן צוּ אַזַא צַדִיק דַארְף מֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן אוּן בַּיי אַזַא צַדִיק דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן.

## זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען און בַּאוַוייזְן וואוּנְדֶער

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען און עֶס זָאל זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אוּנְז, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רצב): דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן עֶנְק! פְּלֶעגְן אָבֶּער אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן, אַז דִי שִׂיחָה אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְקֻיָּם גֶעוָוארְן, וַוייל לֵיידֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען חִילוּקֵי דֵעוֹת און פַארְשִׁידֶענֶע מֵיינוּנְגֶען וֶוער עֶס זָאל זַיין גְרֶעסֶער און וֶוער זָאל זַיין דֶער הוֹיפְּט וְכוּ', וָואס דוּרְךְ דִי אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן הָאט מֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן דֶעם צַדִיק.

## ו.

## אַסאַךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער

וֶועגְן דֶעם אוֹיבּ ווִילְן מִיר זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה נָאר אַסאַךְ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וָואס מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב ע"ב): אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵל אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן זָאל עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר עֶר זָאל נָאכְאַמָאל מִתְפַּלֵל זַיין בִּיז עֶר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶת'ן יִשׁוּב הַדַעַת אִיבֶּערְצַייגְט עֶר זִיךְ קְלָאר אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, וָואס נָאר עֶר וֶועט אִים פַארְשְׁטֵיין אוּן נָאר עֶר קֶען אִים הֶעלְפְן, דֶערְפַאר דַארְף עֶר יֶעדֶע זַאךְ נָאר אִים פַארְצֵיילְן אוּן מִיט אִים אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן. דֶער מֶדְרָשׁ

זָאגְט (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה כ, טו): בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ קְלוּגֶער רָשָׁע, עֶר הָאט גֶעוְוּיסְט אַז אֲפִילוּ אַ אִיד הָאט רַחֲמָנָא לִצְלָן גֶעטוּהן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי, זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן! אִיז אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶּער גְלַייךְ מוֹחֵל. דֶערִיבֶּער הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אַרַיינְצוּכַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן שְׁמוּץ אוּן נִיאוּף, אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר וֶוערְן גוּט צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין סֵיי וִוי נִישְׁט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער.

## מִיט וֶועם הַאלְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִלְחָמָה?

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמד): יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ אַ מִלְחָמָה מִיט בִּלְעָם; הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם רֶבִּי׳ן אִיז לוֹחֵם צוּ זַיין אוֹיפְן מִדַת הַיְסוֹד אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען קְדוּשָה וְטָהֲרָה בַּיי אִידְן, וִוי מֶען זֶעהט טַאקֶע אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט מֶער פוּן אַלֶע צַדִיקִים צוּ טְרֶעפְן אַ פוּלשְטֶענְדִיגֶער תִּקוּן אוֹיף דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְגַלֶה זַיין דֶעם ״תִּיקוּן הַכְּלָלִי״, וָואס וֶוער עֶס זָאגְט דָאס יֶענֶעם טָאג פַארְרֶעכְט עֶר אִינְגַאנְצְן דֶעם חֵטְא אוּן עֶר דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְט זָארְגְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קמא), נָאכְמֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּגֶעזָאגְט מִיט צְוֵויי עֵדוּת, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן, גֶעבְן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים פוּן תִּקוּן הַכְּלָלִי, אֲפִילוּ עֶר זָאל הָאבְן אָפְּגֶעטוּהן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ׳, וֶועט עֶר אִים פַארְרֶעכְטְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּגֶעלֵייגְט: כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן

צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אָבֶער ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ עֶס מְגַלֶה גֶעוֶועהן וֶועט זַיין שְׁוֶועהרֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין (עַיֵין שָׁם).

## אַ נַייעֶ בְּלִיק אִין לֶעבְּן

אָבֶער וִוי נָאר אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָפְּנַארְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט מוֹחַ, עֶר קוּקְט שׁוֹין מִיט אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אוֹיפְן לֶעבְּן, עֶר זֶעהט שׁוֹין אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רפז): וָואס הָאט אַ אִיד צוּ טוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. אַ

מֶענְטְשׁ דַארְף אַרַיינְכַאפְּן וֶוען עֶר קֶען צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה.

ז.

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג

עֶס אִיז בַּאוּוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתָם תָּגֵן עָלֵינוּ, אַז "מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי צַייט". הָאט עֶר עֶרְקְלֶערְט אַז דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה; דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין אוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח ע"א), מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים. לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן ווִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַוֶועק סַיי

מֶענֶער סַיי פְרוֹיעֶן אוּן סַיי קִינְדֶער, מֶען זָאל מֶער נִישְׁט הֶערְן אוּן ווִיסְן פוּן קַיין צָרוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אֵיין מִצְוָה מִדְרַבָּנָן וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַּאר אַ לַאנְג לֶעבְּן, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען לֵיידֶער מוֹרָא׳דִיג מְזַלְזֵל אִין דֶעם, דָאס אִיז מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין, אֱמֶת אַז דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט מֶען זָאל עֶס טוּהן עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים סִימָן רפה, סְעִיף ג) ווֶערְט קְלָאר גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט, אַז פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ״א הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט (עַיֵין בַּמִשְׁנָה בְּרוּרָה שָׁם), דֶערְפַּאר ווִיבַּאלְד דִי מְצִיאוּת אִיז בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז אוֹיב מֶען לָאזְט דָאס אוֹיף עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן מַעֲבִיר סִדְרָה צוּ זַיין, אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ ווָאךְ נָאךְ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סִדְרָה, אִיז דָאךְ אַווַדַאי אוּן אַווַדַאי כְּדַאי זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן מְחַבֵּר, אוּן מַעֲבִיר סִדְרָה

זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, נָאכְדֶערְצוּ אַז אַזוֹי לֶערְנְט מֶען חוּמָש מִיט רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, וָואס צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם.

## לֶערְן חוּמָש רַשִׁ"י וֶועסְטוּ וִויסְן וואוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער וואוֹינְט

וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב מִיטְן בְּרִידֶער דֶער עֲצֵי חַיִּים זְכוּתָם תָּגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נָאדְבֶערְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט: קִינְדֶערְלֶעךְ אִיר זָאלְט זִיךְ פִּילֶעוֶוען [אָנְשְׁטָאפְּן] אִין חוּמָש רַשִׁ"י, וַוייל אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט אַסַאךְ גְדוֹלִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט וואוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער

וואוּינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ״י. דֶערִיבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י.

## ״מִשְׁנַיוֹת״ וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גָלוּת

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אֵיין פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים, אָדֶער נָאכְמֶער, דִי גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוֹיסֶער דֶעם אִיז מִשְׁנַיוֹת אַ מוֹרָא׳דִיגֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, מִשְׁנָ״ה בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ״ה (395), אוּן וֶוער עֶס מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע...! אָבֶּער דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זֶעהט שׁוֹין אַז עֶס זָאל אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַפִּיר אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת דֶערוֹיף, בְּשְׁעַת חַזַ״ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז, ג): אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא

בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת - מֶען וֶועט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת נָאר אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת. דֶערְפַאר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אַז מֶען בְּרֶענְגְט שׁוֹין אַרַיין אִין יוּנְגֶע קִינְדֶער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת, זֵיי זָאלְן אֲפִילוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וַוייל מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

## אַ דַף גְמָרָא וֶועט דִיךְ אָפְּהִיטְן

נָאכְדֶעם דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר הַחַיִּים לְאֲחִי הַמַּהֲרַ"ל), אַז גְמָרָא אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ: גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל. אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קְבִיעוּת, "אִיךְ מוּז יֶעדְן טָאג דוּרְכְגֵיין אַ דַף גְמָרָא", נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוּם מִיט

אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

### וֶוער זֶענֶען דַיינֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים ? !

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (שַׁבָּת קכ ע"א), אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ג, ז): וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - מַיין הוֹיז אִיז לֵיידִיג פוּן בְּרוֹיט אוּן קְלֵיידֶער, אוּן אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן; וָואס אִיז דִי אָרֶעמְקֵייט? "שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא גְמָרָא" - אַז אִיךְ לֶערְן נִישְׁט קַיין מִקְרָא, קַיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן קַיין גְמָרָא; נִישְׁט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אָדֶער קַיין פוּרְנִיטְשֶׁער אִיז מֶען אַן אָרִימַאן, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת מִיט גְמָרָא יֶעדְן טָאג דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען אַן אֱמֶת'עֶר אָרִימַאן, וַוייל נָאר דִי חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ' וָואס מֶען כַאפְּט

אַריין יֶעדְן טָאג, דָאס אִיז דִי פַארְמֶעגְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס בְּלַייבְּט מִיט אִים אוֹיף אֵייבִּיג, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיין גוּטֶע פְּרַיינְט, עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַזַא זַאךְ וִוי אַן אֱמֶת׳עֶר גוּטֶער פְּרַיינְט, אֲפִילוּ אֵיינֶער זָאגְט דִיךְ צוּ אַז עֶר אִיז דַיין בֶּעסְטֶער חַבֶר וֶועט עֶר זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס וֶועט דִיךְ בַּאגְרָאבְּן... אָבֶּער דִי תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג, זֵיי זֶענֶען דִי גוּטֶע פְּרַיינְט וָואס בַּאגְלֵייטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם מֶענְטְשׁ (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק לד), דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ, דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דִי דַף גְמָרָא וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג נָאר דָאס וֶועט בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

## לֶערְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ יֶעדְן טָאג

וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און עֶר הָאט

גֶעפָּאדֶערְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְן אַ טָאג פוּן לֶערְנֶען עֶפֶּעס אַ הֲלָכָה, אֲפִילוּ נָאר אֵיין סְעִיף שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אָבֶער יֶעדְן טָאג זָאל מֶען לֶערְנֶען אַן הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כט), וַוייל לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד, און פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ קוּמְט אַרוֹיס דִי הֲלָכָה און תַּמְצִית פוּן גַאנְץ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דֶערְפַאר אִיז בַּיים רֶבִּי'ן גֶעוֶוען שֻׁלְחָן עָרוּךְ דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע לִימוּד.

## אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען

אָבֶער צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וָואס יֶעדֶער קֶען מִיט דִי וֶועג מַצְלִיחַ זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַז אֲפִילוּ מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן נָאר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן וַוייטֶער אִין דִי רֵייעֶ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו; וּבַאֲרִיכוּת

בְּקוּנְטְרֶס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד). אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַבִּיסְל יִשׁוּב הַדַעַת, און עֶר זֶעהט קְלָאר אַז אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז עֶר מַצְלִיחַ מַעֲבִיר סִדְרָה צוּ זַיין יֶעדֶע וָואךְ, און אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז עֶר מַצְלִיחַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳, וֶועט אִים שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ און אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן דִי תּוֹרָה.

## אַ קְלָארְן בִּילְד יָא מַצְלִיחַ אָדֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ?!

מֶען זֶעהט לְמָשָׁל בַּיי אַ גְרוֹיסֶע סוּפֶּערְמַארְקֶעט, וואו עֶס גֵייעֶן אַרַיין און אַרוֹיס הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן, און וִוי גֶעוֶוענְטְלִיךְ זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן אִין דֶער זַייט וָואס קוּקְן מִיט קִנְאָה וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת מַאכְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אָבֶער צוּ עֶר אִיז בֶּאֱמֶת מַצְלִיחַ צוּ נִישְׁט, וַוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט נָאר דֶער בּוּכְהַאלְטֶער, עֶר זֶעהט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת וִויפִיל עֶס

קוּמְט אַרַיין אוּן וִויפִיל עֶס גֶייט אַרוֹיס, אוּן וֶוען עֶר זֶעהט אַז דִי מַצָב טוֹיג נִישְׁט זָאגְט עֶר פַּארְן בַּעַל הַבַּיִת דֶעם אֱמֶת, אַהוּבִי יְדִידִי - דוּ דֶערְלֵייגְסְט אִין גְרוֹיסְן אוּן דוּ גֵייסְט בְּקָרוֹב בַּאנְקְרָאט! כָאטְשִׁיג אִינְדְרוֹיסְן פַאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין דֶעם בִּיטֶערְן מַצָב, פַּארְקֶערְט עֶס קוּמֶען דָארְט כְּסֵדֶר הוּנְדֶערְטֶער קַארְס אוּן מֶען קוֹיפְט אַיין סְחוֹרָה אִין גְרוֹיסְן, אָבֶער דֶער בּוּכְהַאלְטֶער וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת׳ן חֶשְׁבּוֹן; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט עֶר שׁוֹין אַ קְלָארְן חֶשְׁבּוֹן וֶוען אוּן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מַצְלִיחַ צוּ לֶערְנֶען, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין נַארְן, אוּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע קֶענֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן.

## וָואס זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען בַּיי דִי הִילוּלָא פוּנֶעם רֶבִּי׳ן

דֶערִיבֶּער יֶעצְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הִילוּלָא דַארְפְן מִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, פוּן אֵיין זַייט צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דִי מוֹחַ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, אוּן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶונֶען שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז מֶען קוֹבֵעַ עִיתִּים לַתּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מִדְרָשׁ אוּן הֲלָכָה, אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַשְׁפִּיעַ זַיין שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, פַּרְנָסָה אוּן אַלֶעס גוּטְס.

## בֶּעט אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן

צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט זָאלְן הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, [מֶען דַארְף דֶערוֹיף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן, בִּפְרַט וֶוען מֶען זָאגְט דִי בְּרָכָה פוּן רְפָאֵנוּ דְרֵיי מָאל אַ טָאג], אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן קֶענֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין חַס וְשָׁלוֹם פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וִויפִיל אִידְן פְּלָאגְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער אוֹיף פַּרְנָסָה, וִויפִיל בַּעֲלֵי חוֹבוֹת אִיז דָא וָואס זִינְקֶען אִין חוֹבוֹת, אוּן וִויפִיל אִידְן שְׁמַאכְטְן נֶעבֶּעךְ אִין דִי תְּפִיסוֹת, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר זִיךְ אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען יֶעדֶע זַאךְ נָאר

בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי וֶוענְט פוּנֶעם גְרֶעסְטְן תְּפִיסָה - דֶער בִּיטֶערֶער גָלוּת, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם גְרוֹיסְן תְּפִיסָה, אוּן צוּזַאמֶען מִיטְן גוֹאֵל צֶדֶק פָּארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זֶעהן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com